# די מוסדות

ערשיינט אין בעפארברייטונג צום דינער לטובת מוסדותינו הק'

מוסדות יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

פעיה"ק ירושלים תובב"א

פרשת ראה כ"ו מנחם אב תשע"א לפ"ק - גליון ב'


## מוגבית



## גרוים נאכפראגע ביי אנשי שלומינו אויף די תפילות התשב"ר

**געלעגנהייט פאר נדבנים צו מזכיר זיין נעמען לברכה ולישועה ווען אימער איר דארפט**

צענדליגער סיפורי מופתים שוין היינט באקאנט צווישן אנ"ש דורך דעם הייליגן סגולה פון תפילת התשב"ר

3



## נעכטן א וואש מאשין היינט א טריקענער

וואס ווייטער?

5

## א ישועה אויפן פלאץ

4

## פארוואס האט רביה"ק זי"ע ארויסגענומען א הלוואה פון בנק?

זייט 7




## הנהלת המוסדות שעפט חיזוק פון ווארימע שטיצע פון אנשי שלומינו

זייט 3

ב"ה

**אינעם יומא דהילולא רבא**
**ווען מיר אלע אויסשרייען:**

# עָשִׂיתִי כְּכֹל אֲשֶׁר צִוִּיתָנִי

והיות שעל כל עיר ועיר מוטל החוב להחזיק ת"ת שמה, לזה ראיתי לעורר שכאו"א יקח חבל וכו' לא ימנע א"ע מלהשתתף בזה.

לשון קדשו במכתב קודש

# הַשְׁקִיפָה מִמְּעוֹן קָדְשְׁךָ מִן הַשָּׁמַיִם וּבָרֵךְ אֶת עַמְּךָ אֶת יִשְׂרָאֵל

**זענען מיר אלע פארזיכערט**

## אין די הייליגע ברכות

**וואס ער פלעגט אנוואונטשן בחיים חיותו פאר אלע תומכי המוסדות**

מוסדות יטב לב דרבינו יואל
מסאטמאר
נתייסד ע"י כ"ק מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע
בהמשכת כ"ק מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
עיה"ק ירושלים תובב"א

# דינער השנתי

יום א' כי תצא • ו' אלול תשע"א

עטרת שלום • ירושלים תובב"א

# הנהלת המוסדות שעפט חיזוק פון ווארימע שטיצע פון אנשי שלומינו

**פילע חתמ'ענען הו"ק $100 א חודש**

## הנהלת המוסדות מיט א ספעציעלע רוף מ'זאל געבן נדבות דייקא דורך הו"ק

ירושלים: אין די פאר טעג ווען די ראשי הנהלת ועסקני המוסדות גייען ארום צווישן אנשי שלומינו צו אויפטרייבן נדבת לבם הטוב און בפארברייטונג צום גרויסן דינער השנתי, שעפט די ההנהלה גרויס חיזוק פון די ווארימע אויפנאמע פון אנשי שלומינו, וואס נעמען זיך אונטער שיינע סכומים למעלה מכפי יכלתם,

עס קען אריבער גיין א קיילכדיגע יאר ווען רוב רובם פון אנשי שלומינו, און אפילו עלטערן פון תלמידי המוסדות, האלטן נישט מיט די טאג טעגליגע שווערקייטן וואס די הנהלת המוסדות מיטשעט זיך, מ'האלט נישט מיט די אומגעהערע שווערע חובות פון הודערטער טויזנטער דאלארן, וואס די הנהלה דרייט פון איינעם צום צווייטן, מ'האלט נישט מיט דעם ווי געשריי וואס די כלי קודש קומען זיך אויסגיסן דאס הארץ, פאר די חברי ההנהלה, ווען פון זייער געשריי הערט זיך ארויס דער עוללים שאלו ללחם, ואין פורש להם,

אנדערש איז אבער די טעג בעפארן מגבית, ווען די הנהלת המוסדות געט ארויס זייער ווי געשריי פון א גאנץ יאר, פארן ברייטן ציבור, און דער ציבור ווערט נענטער מיט די טעגליכע ציפערן און פאקטן, גייט אריבער א שוידער אין די ביינער, הערנדיג דעם מצב אז ממש באו מים עד נפש.

און טאקע לאור דעם טראץ דעם שווערן מצב ווי יעדער פלאגט זיך היינט ממש צו אריבערפירן דעם חודש, ווייזט דער עולם ארויס סאלידאריטעט מיט די געטרייע חברי ההנהלה, און רופן זיך אן מיט שיינע סכומים יותר מכפי יכלתם, אלעס מיט איין ציל כד די געטרייע הנהלת המוסדות זאל קענען טאקע אויסצאלן נאכן מגבית פאר די כלי קודש די פאר חדשים וואס די הנהלה איז שולדיג

פון דא גייט ארויס דער רוף צו אנשי שלומינו וואס מ'איז נאכנישט אנגעקומען צו זיי, אל תפרושו מן הציבור, נעמט אויף די געטרייע עסקני המוסדות בסבר פנים יפות בגוף ובממון.

אל תפרוש מן הציבור.

# גרויס נאכפראגע ביי אנשי שלומינו אויף די תפילות התשב"ר

**געלעגנהייט פאר נדבנים צו מזכיר זיין נעמען לברכה ולישועה ווען אימער איר דארפט**

**צענדליגער סיפורי מופתים שוין היינט באקאנט צווישן אנ"ש דורך דעם הייליגן סגולה פון תפילת התשב"ר**

ירושלים אין די טעג ווען די עסקני המוסדות גייען ארום אין די הייזער פון אנשי שלומינו ידידי המוסדות, הערט זיך א גרויסע נאכפראגע אויף די תפילות התשב"ר.

ס'איז שוין היינט צו טאג ברייט באקאנט, ביי אנשי שלומינו די געוואלדיגע סגולה פון די הייליגע תפילות פון תינוקת של בית רבן שלא טעמו טעם חטא, וואס לערנען תורה און דאווענען בקדושה וטהרה.

פילע אנשי שלומינו ווייסן שוין צו אויסוועלן א טאג אלס פרנס היום, ווי אלע כתות זענען מזכיר לטובה אדער לעי"נ, די נאמען וואס דער נדבן וועלט אויס. אדער צו אויסהאלטן א מלמד לחודש, ווי די קינדער זענען מזכיר יעדן טאג אין די טאג אין די כתה די נעמען, מיט די פערזענליכע בקשות, פונעם נדבן.

און בכלל, אז מען דארף עפעס א ישועה אדער הצלחה ווען אימער דאס איז, קען מען זיך ווענדן פערזענליך אדער טעלעפאניש צו די עסקני המוסדות, ווי די נאמען להצלחה לברכה ווערט גלייך אריבער געפירט צו די תינוקת של בית רבן, להזכירם לברכה ולישועה.

אין די נאמטע וואכן וועט די הנהלת המוסדות מפרסם זיין א ספעציעלן טלעפאן נומער, ווי מען וועט זיך קענען ווענדן, אין פאל מען וויל מזכיר זיין א בקשה פאר די תשב"ר.

אין העולם מתקיים אלא בזכות הבל פיהם של תשב"ר.

# א בליק אין די מוסדות הק'



תלמידי התשב"ר זענען מתפלל פאר נדבני המוסדות

# א ישועה אויפן פלאץ!

**לכבוד הנהלת מוסדותינו, העוסקים במלאכת הקודש.**

לעצטנס איז שוין שטארק באקאנט צווישן אנ"ש איבער די גרויסע און וואונדערליכע ישועות, וואס מען זעהט דורך די לויטערע תפילות וואס די קינדער אין תלמוד תורה זענען מתפלל, פאר די נדבנים וועלכע שטיצן די הייליגע מוסדות. איך האב אבער געוואלט מיט טיילן מיטן עולם א וואונדערליכע פאסירונג וואס עס האט פאסירט, ווען איך האב זוכה געווען צו זיין דער גוטער שליח, א איד זאל האבן א ישועה.

עס איז שוין א געווענליכע ערשיינונג אז אנ"ש פון חו"ל וועלכע וויילן צוגאַסט דאָהי אין ירושלים עיה"ק, פארפאסן נישט די געלעגנהייט אַריבערצוקומען באַזוכן די מוסדות, זיך אַליינס איבערצוצייגן דעם הערליכן בליה און וואוקס בליעה"ר. אַזוי אַז אַזאַ באַזוך רופט געווענליך נישט אַרויס קיין עקסטערע אויפמערקזאַמקייט... דאס מאל איז אבער יא אנדערש געווען.

א חשוב'ער איד מאנ"ש אין וויליאַמסבורג, איז ארויפגעקומען באַזוכן די תלמוד תורה. אזוי ארומגייענדיג צווישן די כתות איז ער זייער שטארק באגייסטערט געווארן פונעם קול התורה ותפילה וואס איז בוקע שחקים, און צוליב גרויס התרגשות האט דער איד באלד ארויסגענומען פון טאַש א גרויסע סומע געלט, און דאס איבערגעבן פארן מנהל המוסדות, דערמיט אַרויסצוהעלפן די הייליגע מוסדות יטב לב אין ירושלים. דערביי האָט דער איד נאך צוגעלייגט אז היות ער פירט אן א גרויסע גמ"ח אין וויליאמסבורג, וועט ער בל"נ מסדר זיין א גרעסערע הלואה פאר די ירושלימ'ער מוסדות כדי גרינגער צו מאכן די עול החובות.

גלייכצייטיג האט דער איד צוגעלייגט א בקשה, אַז די קינדער זאָלן מתפלל זיין ער זאל מצליח זיין אין זיינע געשעפטן, וואָס די קינדער האָבן טאַקע תיכף געטון.

פארנאכט'ס קומט דער איד אריין אין ביהמ"ד, און לויפט מיר אנטקעגן, וויבאלד איך בין דער מלמד פון די כתה וואס האט מתפלל געווען להצלחתו, און דערציילט מיר דברים כהוויתן: "איך פיר שוין יארן אן מיט א געשעפט אין וויליאמסבורג, אבער וויפיל איך האָב שוין פרובירט אַריינצוברענגען סחורה פון א געוויסע פירמע, האָב איך נישט מצליח געווען דערמיט. צוליב אַן אומפאַרשטענדליכע סיבה האָט די פירמע בשום אופן מיר נישט געוואלט דערליווערן זייער סחורה, יעדעס מאָל מיט אַן אַנדערע אויסרייד. די קונדן אינעם געשעפט זוכן דייקא די סאָרט סחורה וואָס יענע פירמע פראצעדורט, און איך האָב אַלץ פּראָבירט צו בעטן די פירמע אַז זיי זאָלן שיקן די סחורה, והעליתי חרס בידי"...

דערציילט דער איד ווייטער מיט באַגייסטערונג: "מיט א שעה צוריק קלינגט מיך אן דער מענעדשער פונעם געשעפט, און ער דערציילט מיר אַז "פּונקט" היינט איז אָנגעקומען א ארדער פון די פירמע, אָן קיין שום מעלדונג פון פאָראויס אַז זיי גייען מיר דאָס שיקן!"

דער איד זאָגט מיר: "איך זעה נישט קיין שום סיבה בדרך הטבע פארוואס האבן זיי יעצט זיך באוויליגט צו שיקן די סחורה, נאר אז לויטן חשבון קומט אויס אַז בשעת ווען די קינדער'לעך האבן מתפלל געווען היינט אין חדר, האט די פירמע אין די זעלבע צייט מסדר געווען זייערע ארדערס"...

איך וועל מסיים זיין מיט א ברכה, יהי"ר שחפץ ה' בידכם יצליח, ויהי נועם ה' עליכם להצליח בכל מעשיכם, אמן.

**בכבוד רב**

**מנחם הלל פאלאטשעק**

**מלמד כתה א'**



# נעכטן א וואש מאשין היינט א טריקענער

## וואס ווייטער?

נאך א שווערן טאג ארבעט קומט ער אהיים אויסגעמארדעוועט און אפגמיטשעט, היינט איז געווען א ספּיציעלע שווערע טאג אין די ארבעט, פונקט האט דער ארבייטער פארשפעטיגט היינט, פונקט האט מען געקלינגען פון בנק אז ס'איז דא א גרויסע לאך אין בנק, און די משכנתא דארף היינט ארויסגיין א.א.וו.

אהיים קומענדיג נאך דעם גאנצן שווערן טאג ווארט מען אפ ביים טיר מיט די בשורה אז די וואש מאשין איז געגאנגען קראכן, און מ'דארף קויפן וויכטיג א נייע.

אויף מארגן איז דער טאג געווען נישט קיין סאך גרינגער פון היינט, פונקט איז היינט אריינגעקומען פיל נייע קונים און האבן געפאדערט א גוטן סערוויס מיט אלע צוגעהערן, אבער קומענדיג אהיים ווידער אפגעמיטשעט, שטייט מען ביים טיר מיט די בשורה, היינט איז דער טריקענער געגאנגען שלאפן, און מ'מוז וויכטיג קויפן א נייע.

נו אז ס'פאסירט פונקט איין טאג נאכן צווייטן אזעלכע הוצאות, קען מען דאך גארנישט טוהן, אז ס'איז באשערט איז באשערט, און מען מוז מקבל זיין אויף זיך דעם דין שמים באהבה, און בעטן, נאר נישט קיין ערגערס.

אבער ווען ביים דריטן טאג איז אריינגעקומען אין געשעפט דער סוחר וואס ברענגט אים די סחורה, מיט א פילן אנגעפאקטן לאסט מאשין מיט סחורה, און געפאדערט מ'זאל איהם שוין באצאלן פאר די סחורה וואס ער האט יעצט געברענגט, האט שוין די געדולד ביי אים געפלאצט -עד כאן - האט ער אויסגעשריגן בקול רעש גדול, וויפיל קען מען, נעכטן א טריקענער, אייער נעכטן א וואש מאשין, און היינט צום דריטן טאג, אן קיין אויפהער, דארף איך יעצט נעמען א פרישע הוצאה אויף מיר, צו באצאלן פאר די סחורה וואס דו האסט מיר יעצט געברענגט.

## לא הרי ההוצאה פון נעכטן כההוצאה פון היינט

שטייט אין זייט א קלוגער איד א גוט'ער ידיד זיינער, און פרעגט אים מיט וואונדער, טייערער חבר מיינער, וואס רעדסטו יעצט, לא הרי ההוצאה פון היינט כהרי ההוצאה פון נעכטן, וועגן צוויי פשוט'ע סיבות, נעכטן און אייער נעכטן, האט זיך דיר געמאכט א זייטיגע הוצאה אומגעראכטענע הוצאה, אבער היינט איז אינגאנצן נישט גלייך, איינס דער געשעפט דאס איז דאך דיין גאנצער עתיד, פון דעם שעפסטו חיות, פון דעם לעבן דיינע קינדער, דורך דעם קענסטו מחנך זיין דיינע קינדער, און צווייטנס, די נעכטיגע הוצאה וועט דיר קיינמאל נישט צוריק קומען, קיינער וועט דיר עס נישט דעקן, משא"כ היינט, די געלט וואס די באצאלס'ט פארן סוחר וואס ברענגט דיר די סחורה, קומט דאך צוריק צו דיר פון די קונים וואס וועלן עס אפקויפן, און נאך מיט רווחים, נו וואס רעדסטו זיך אפ, די געלט איז סך הכל אזוי ווי א הלוואה, וואס דו לייגסט אויס, און שפעטער קומט עס צוריק מיט ריווח, פריי זיך אז דו האסט פאר ווענען צו באשטעלן אזוי פיל סחורה.

## און ווי אזוי טראכטן מיר?

נו, מיר שטייען פון זייט און לאכן זיך אונטער פון אונזער פיפיגער סוחר, וואס רעדט זיך אזוי אפ, אבער צומאהל כאפ מען זיך אליינס נישט, אז מיר מאכן אמאהל דעם זעלבן נארישן טעות, ווי דער סוחר פון די געשעפט.

דער מצב הפרנסה איז זייער נישט פויגל'דיג הינטיגע צייטן, אפילו ווען אלעס פארט כשורה לעבט מען קוים אויס דעם חודש, אויף ברויט מיט וואסער און די מינמאלסטע פראדוקטן, און ווער רעדט נאך ווען מען דארף צאלן שכירות, אדער א משכנתא, דעמאלט איז דער מצב אומדערטרעגליך, און ווען ס'מאכט זיך נאך א זייטיגע הוצאה פון א צובראכענע וואש מאשין אדער א טריקענער, א.א.וו. איז ממש באו מים עד נפש.

נו, מילא די אלע זאכן וואס קען מען טוהען, ס'איז דאך אוממעגליך צו שניידן פון די אלע זאכן, און מען קלאפט צוזאם מיט די הענט, מיט א תפילה צום בורא כל עולמים, און גלייבנדיג באמונה שלימה, אז מאן דיהיב חיי יהיב מזוני, און דער באשעפער וועט שוין אוודאי צושטעלן וואס מען דארף צום לעבן.

אבער געוואלד און געשריגן, קומט יעצט צו גיין דער טאג ו' אלול, ווי מען בעט פאר אזא בעל חוב ווי מיר, זיך צו משתתף זיין ביים דינער מיט אזעלכע גרויסע סכומים, פון ווי?!!! ווי אזוי?!!! ווער וועט מיר עס דעקן?!!!

## לוו עלי ואני פורע

אבער שטייט פון זייט א איד און וואונדערט זיך, דו האסט דאך פריער אליינס זיך אונטערגעשמייכלט, פון דעם יעניגן סוחר, וואס פונקט ביי די זאך, וואס זיין עתיד איז תלוי אין דעם, און פונקט ביי די זאך וואס די הוצאה איז א צייטווייליגע, און מען באקומט עס צוריק מיט ריווח, פונקט דא ווערט ער קארג, און שרייט עד כאן.

אבער ווי אזוי לאכסטו אזוי פון יענעם, ווען דו אליינס מאכט דעם זעלבן חשבון, ס'איז קיין ספק נישט אז דיין גאנצער עתיד פון דיר און דיינע דורות, איז אין דעם תלוי, אם אין גדיים אין תיישים, פון דעם שעפסטו חיות, פון דעם לעבן דיינע קינדער, דורך דעם קענסטו מחנך זיין דיינע קינדער.

און צווייטנס, דער באשעפער זאגט ובחנוני נא בזאת אם לא אפתח לכם ארובות שמים, דו דארפסט נאר די געלט אויסבארגן אויף א קורצע צייט, און עס קומט צוריק מיט רווחים, ווי רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע זאגט אין א תורה, אז הוצאת בניו לתלמוד תורה גייט אריין אין כלל פון "לוו עלי ואני פורע".

פונקט דא מאכסטו דעם חשבון, פונקט דא שטעלסטו זיך אפ.

**דו פרעגסט פון ווי?**

**די ארובות השמים וועלן זיך עפענען!!!,**

**דו פרעגסט ווי אזוי?**

**עס לוינט זיך די השקעה צו אויסבארגן געלט אויף א קורצע צייט, און באקומען צוריק מיט רווחים !!!**

**דו פרעגסט ווער וועט מיר עס דעקן?**

**דער באשעפער זאגט ליוו עלי ואני פורע !!!**

טייערע ברידער לאמיר נישט אויסקוקן ווי דער נארישער סוחר, לאמיר זיך געבן א שטעל אפ, און מאכן דעם ריכטיגן חשבון, מתי אעשה גם אנכי לביתי, "אם אין אני לי מי לי", ווער זאל זארגן פאר מיינע קינדער, אויב נישט איך אליינס, ווער זאל זארגן פארן עתיד פון אונזער קהילה, אויב נישט מיר אלע צוזאמען.

ווען די הנהלת המוסדות קען נישט באצאלן צייטליך פאר די מגידי שיעור מלמדים מחנכים, ווער איז דער גרעסטער דערלייגער, אויב נישט איך אליינס, און בפרט ווען עס קומט צוריק מיט ריווח.

***ביזנעס גערעדט עס לוינט זיך !!!!***



פארוואס האט רביה"ק זי"ע

# ארויסגענומען א הלואה פון בנק?

געווען איז דאס שוין אריבער פופציג יאר צוריק פון היינט, זומער שנת תשי"ט.

ווער עס איז עטוואס באקאנט מיט די קורות הימים פון יענע צייט ווייסט גענוי ווי אזוי דער מצב האט דעמאלט אויסגעזען. עס איז געווען בלויז געציילטע יארן נאך דעם גרויסן חורבן ווען רוב מנין ובנין פון כלל ישראל איז ליידער אומגעברענגט געווארן דורך די דייטשע רשעים ימ"ש. שווער שווער האט מען זיך צוזאמגענומען נאך דעם גרויסן בראך. געציילטע רעשטעלעך אידן זענען פארבליבן, צוקלאפט און צובראכן, ס'רוב פון די אידן זענען פארבליבן איינער אליין פון א גאנצע משפחה, אן קיין שום קרוב און גואל, אן איינער וואס זאל אים מדריך זיין און דערהאלטן ביים ערליכן אידישקייט.

די אידן האבן געהאט איין זאך מיט וואס זיי האבן זיך מחזק געווען. זיי האבן געהאט דעם בורא כל עולמים, און די פעסט איינגעבאקענע אמונה וואס האט זיי באגלייט לאורך ימי חייהם.

א גרויסער טייל פון די אידן זענען אנגעקומען דעמאלטס קיין אמעריקא, א מדינה וואס איז ריכטיג געווען "אוכלת יושבי'"; א מדינה וואס מען האט געוואוסט אז אפילו די שטיינער זענען טריפה, און עס איז געווען באקאנט אז ווער עס קומט אהער איז מען נאך אים געזעסן שבעה, וויסנדיג אז דא קען מען קיין איד נישט בלייבן.

און וואס געשעט? די מאורעות הזמן ברענגט דערצו אז פונקט אין אזא שווערער זמן ווען אזויפיל אידן זענען איינער אליינס אויף די וועלט, הקומען די אידן אן אהער אין די טריפה'נע אמעריקע. זיי קומען נישט אהער צוזאמען מיט די משפחה, א זאך וואס האלט געוועהנליך צוריק דעם שטראם אז מען זאל ח"ו פארפאלן גיין; זיי געפונען זיך נישט דא אין קיין סביבה פון ערליכע אידן. זיי זענען עלענד און איינזאם.

ווער האלט זיי? ווער גיט זיי דעם טרייבקראפט אויסצוהאלטן די ביטערע נסיונות?

אחד הי' אברהם! מאת ה' היתה זאת. איז אין יענע צייט אנגעקומען אהין דער גרויסער צדיק הדורות מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע, און די השגחה עליונה האט ווייטער אזוי געפירט, אז דער רבי זי"ע איז פארבליבן אין ניו יארק, ואליו נקבצו כל ירא ה'. ארום דעם רבי'ן האט די צובראכענע און צוקלאפטע אידן געטראפן א ווארעם ווינקל וואו זיך צו דערווארימען אינעם אייז-קאלטן באדן וואס אמעריקע האט דעמאלט פארגעשטעלט מיט זיך.

אויסער די רוחניות'דיגע שוועריגקייטן וואס אידן האבן דעמאלט מיטגעמאכט, האבן זיי אויך מיטגעמאכט פיזישע שוועריגקייטן. אידן זענען אנגעקומען אהער אין א שווערע מדינה, א פרעמד ארט וואו מען האט קיין שום השגה אין די תהלוכי המדינה, ווי אזוי מען גייט זיך אום אויפ'ן טאג טעגליכן לעבן. מ'האט זיך געמוטשעט אויף טריט און שריט. פרנסה? ווער האט אפילו גע'חלומ'ט פון א געהעריגע בכבוד'יגע פרנסה?

## א ציגל אויף א ציגל

אבער רביה"ק זי"ע שרייט אויס "מיר זענען נישט געקומען אהער אויף פארפאלן צו גיין ח"ו". אמת טאקע, דער ארגינעלער ציל צוליב וואס ער איז אהינגעקומען, איז געווען זיינע מוסדות וואס ער האט אויפגעשטעלט אין ארץ ישראל פאר די ארטיגע פליטי חרב, אבער עיניו פתוחות אויף די אידן אין אמריקא, און אפגעקוקט פון וויפיל דער רבי פלאגט זיך ביטערלעך, הייבט ער אן צו לייגן א ציגל אויף א ציגל, און ער שטעלט אויף זיין הייליגע קהלה און זיינע הייליגע מוסדות על אדמת ניו יארק. ער הייבט אן מיט די קהלה, ער זעצט פאר מיט א ישיבה, ער איז ממשיך מיט א תלמוד תורה, און איז אפילו מחדש אויפצושטעלן א מיידל שולע א בית רחל.

מען קען היינט זיך ניטאמאל פארשטעלן מיט וויפיל שוועריגקייטן איז אנגעקומען יעדע טריט און שריט. זאכן וואס קוקן היינט אויס אזוי נאטורליך, איז דאן געווען שווער ווי א בארג, ביז מען האט געהאט די מעגליכקייט דאס אהערצושטעלן,

אבער דער רבי גיט נישט אויף, און איז ריכטיג בונה ומקים עולה של תורה.

## על לוח לבו הטהור

אין דעם שווערן זמן האלט אבער דער רבי זי"ע אלץ פאר די אויגן זיין ארגינעלער ציל פארוואס ער געפונט זיך דאהי, און זיינע ארץ ישראל'דיגע מוסדות שטייען ווייטער דאס ערשטע ביי אים. עס לאזט זיך היינט נישט באשרייבן מיט וויפיל דער רבי האט זיך דאן ממש מבזה געווען פאר זיינע ארץ ישראל'דיגע מוסדות. טראץ וואס נאך אין דער אלטער היים איז דער רבי זי"ע געווען דער מלך ישראל, האט דער רבי זי"ע נישט געקוקט אויף זיין אייגענעם כבוד, נאר איז געגאנגען און געפארן אויף פארשידענע מקומות איבער גאנץ אמעריקע, צו עס איז שיקאגא, קליוולאנד, און אפילו קיין טאראנטא אין קנדה, כדי צו שאפן געלט פאר זיינע מוסדות אין ארץ ישראל. אבער צוליב זיין אויסגעשפראכענע מלחמה קעגן די ציוני'סטישע מדינה, איז דער רבי זי"ע שוואך מצליח מיט'ן שאפן געלט.

אזש עס האט שוין געהאלטן אזוי ווייט, אז דער געטרייער איש אמונו פון רבי'ן זי"ע, דער מנהל מוסדות יטב לב הרה"ח המפורסם ר' שלמה בראוווער ז"ל האט דאן פרובירט איינצו'טענה'ן מיט'ן רבי'ן זי"ע אז עס פאסט פשוט נישט אז דער רבי זאל פארן אויף די אלע מקומות וואס ברענגט אים נישט קיין כבוד. דער רבי זי"ע האט אבער נישט נאכגעלאזט, זאגענדיג בל"ק: "מיינע מוסדות אין ארץ ישראל ליגן מיר דא אויפ'ן הארץ, איך האב נישט קיין ברירה".

## איך קען עס נישט איבערלאזן

צוריק צו די ארטיגע אמריקאנער מוסדות, האט דער רבי זי"ע ווייטער אנגעהאלטן זיין הייליגע מערכה אויפצושטעלן ערליכקייט און אידישקייט על אדמת אמעריקע, זעענדיג אין דעם א שליחות הקודש מן השמים וואס ער טאר נישט אויפגעבן, ווי דער רבי זי"ע האט אליינס געשריבן אין א מכתב קודש בשנת תשי"ג צו די הנהלת העדה החרדית, ווען מען האט אים אנגעטראגן דעם כתר הרבנית אין ירושלים, שרייבט דער רבי אז ער קען איצט נישט איבערלאזן אמעריקע, צוליב דעם וואס ער טראגט דעם עול פון אויפבויען די ערליכע מוסדות דאהי אין ניו יארק.

אזוי רוקט זיך א יאר נאך א יאר, ביז עס גייט דורך בערך צען יאר פון ווען דער רבי זי"ע איז אנגעקומען אויף אמעריקע, און צוליב דעם קליינעם ציבור, האבן די מוסדות נאך ווייט נישט געוואקסן ווי אין די שפעטערע יארן. אט האלט מען שנת תשי"ז. עס ברעכט אויס די היינט-באריםטע "אונגארישע רעוועלוציע" און טויזענטער אידן וועלכע זענען ביז דאן געווען פארשלאסן אין אונגארן, האבן אצינד פארלאזט די מדינה. ניו יארק ווערט ווידער פארפלייצט מיט מאסן פליטים, און א גרויסער מערהייט פון זיי פאלן אויף די פלייצע פונעם רועה נאמן לעדתו, מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע. מיט זיין פאטערליכער ליבשאפט זארגט ער פאר זיי מיט גרויס געטריישאפט, און נעמט זיי אלע אונטער זיין שוץ.

מיטאמאל האבן דעם רבי'נס מוסדות זיך צוואוקסן מיט גרויסע פראצענטן מער פון וויפיל עס איז געווען פאר דעם, און אויב האט דער רבי זי"ע זיך געמוטשעט צו דעקן דעם בודזשעט פון זיינע מוסדות אין אמעריקא, איז איצט אויף אים ארויפגעפאלן א פרישער לאסט צו דעקן א טאפעלטן בודזשעט פון ביז דעמאלט, ווען דערצו האבן רוב רובם פון די פליטים ניטאמאל די מעגליכקייט צו צאלן אפילו א העכסט מינימאלן סכום פאר די מוסדות וואו זייערע קינדער ווערן נתחנך, נישט האבנדיג די מינדעסטע פינאנציעלע מעגליכקייט דערצו.

דער רבי זי"ע געט אבער נישט אויף, ער שטעלט זיך נישט אפ. ער בויט א ציגל אויף א ציגל, און שאפט א פרוטה אויף א פרוטה.

און דאן האט עס פאסירט...

## והי' מדי חודש בחדשו

עס איז זומער תשי"ט, און אין די צייט וואס מען מוטשעט זיך מיט די מוסדות וואס דער רבי האט דארט אויפגעשטעלט אזוי שטארק, איז דער מצב פונעם רבי'נס מוסדות אין ארץ ישראל נאך שווערער, געפונענדיג זיך אין אן אויסטערליש שווערער מצב. דער מצב איז אומדערטרעגליך. אויסער דעם גרויסן עול וואס דער רבי האט פאר זיינע היזיגע מוסדות, האט דער רבי זי"ע נאך אן עול וואס ער גיט בשום אופן נישט אויף. דאס זענען זיינע מוסדות אין ארץ ישראל, פאר וועלכע דער רבי זי"ע האט געזארגט אז יעדן איינציגן חודש זאל ער שיקן א באשטימטן סכום געלט.

ווען עס האט זיך געמאכט אמאל אז דער רבי האט נישט געקענט שיקן דעם סכום קיין ארץ ישראל, האט דער רבי זיך אויסטערליש מצער געווען דערפון, ווי דער געטרייער איש אמונו פון רבי'ן זי"ע הרה"ח ר' ליפא פריעדמאן ז"ל מנהל מוסדות סאטמאר, האט דאן געשריבן אין א בריוו צו זיין א באקאנטן כהאי לישנא: "כ"ק מרן שליט"א מצער את עצמו מאוד שאין ביכלתו לשלוח להם מדי חודש כסף הנצרך". ר' ליפא שרייבט דארט ווייטער "כמה חדשים היו שכ"ק מרן שליט"א לוה מעות מהבאנק, ומשכן את ביתו כדי להמציא לבני הישיבה די מחייתם וכו'" דער רבי זי"ע האט עטליכע חדשים זיך פערזענליך געבארגט געלט פון די באנק, און פארמארטגעדזשט זיין אייגענע דירה, כדי צו קענען שיקן תמיכה קיין ארץ ישראל.

אזוי האט דער רבי זי"ע אלץ געטראגן די דאגה פון די בני ציון היקרים, און אצינד שטייט מען פאר א

קאטאסטריפשער מצב. דער מצב פון די ארץ ישראל'דיגע מוסדות איז קשה מנשוא, עס איז נישט דא קיין פרוטה וואס צו שיקן קיין ארץ ישראל, און פון וואו זאל מען נעמען נאך געלט?

עס קען אזוי ווייטער נישט אנגיין!

## הלוך ונסוע

אינדערצווישן קומט אונטער א פרישע מניעה. דער רבי זי"ע באשליסט אז גלייך נאך שבועות לאזט מען זיך ארויס אויף א פרישע נסיעה קיין ארצינו הק'. עס איז דאן געווען די דריטע נסיעה וואס דער רבי זי"ע האט אוטערגענומען קיין ארץ ישראל פון ווען ער איז אנגעקומען קיין ניו יארק, און א נסיעה ביים רבי'ן איז נישט געווען אזא פשוט'ע אונטערנעמונג. דער רבי האט געמאכט זיינע געהויבענע הכנות, און עס האט דערצו אריינגעצויגן אין פארשידענע אייגנארטיגע הוצאות וואס האט געברויכט געשאפן ווערן.

ווידער א דילעמע. די דארטיגע מוסדות פאדערן זייערס. די נסיעה פאדערט עקסטער, און ווידער... די מוסדות אין ארץ ישראל געפונען זיך אין אזא שווערן מצב צושטאנד, והאיך יתקיימו? ווי אזוי וועט דאס אלעס האבן א ווייטערדיגן קיום?

## א פרישע אקציע

דער רבי האט אן עצה דערצו! ער ווענדט זיך צו זיין אייגענעם ציבור. יא, צו דער ציבור וואס איז שוין באלעסטיגט מיט אזויפיל הוצאות, מיט אזויפיל התחייבות פאר די היזיגע מוסדות; די אידן וועלכע האבן נארוואס געגעבן שווער אפגעהארעוועט געלטער אז מען זאל קענען בויען די מקוה טהרה אין וויליאמסבורג; די אידן וועלכע האבן נארוואס אפגעקויפט אן אייגענעם בנין פאר א ביהמ"ד, און די אידן וואס האבן קוים געהאט מיט וואס דורכצולעבן דעם טאג טעגליך, צו "די" אידן ווענדט זיך דער רבי, און דער רבי פירט איין א פרישע אקציע.




**פאטאסטאט פון א בלאט אינעם פנקס פונעם גמ"ח פון הגה"צ המקובל רבי ישעי' אשר זעליג מרגליות זצ"ל, וואו מען זעהט אז דער רבי זי"ע האט געבארגט פון אים די געוואלדיגע סומע פון 500 פונט, וואס איז דאן געווען א הון רב, לטובת די מוסדות וואס דער רבי האט אויפגעשטעלט נאך די מלחמה להצלת הפליטים**

דעמאלט איז עס געווען דינסטאג פרשת בהר תשי"ט, ווען עס איז צום ערשטן מאל געפראוועט געווארן א דינער לטובת מוסדות יטב לב בארה"ק.

נישט לייכט איז עס אנגעקומען פאר'ן רבי'ן זי"ע ארויפצולייגן אויף זיין ציבור א פרישער עול. ווי דער רבי האט זיך דאן אליינס אויסגעדרוקט ביים דינער בל"ק:

"לענינו פון די איצטיגע אסיפה וויל איך זאגן, עס איז אמת אז איך בין שוין עטליכע יאר פארטון אין די ארבעט (אויפצושטעלן די תלמוד תורה יטב לב ארץ ישראל), אין ארץ ישראל האב איך אויפגעשטעלט די תלמוד תורה נאך איידער איך האב אנגעהויבן די היזיגע מוסדות. דאך האב איך ביז איצט זיך נישט געוואלט ארויפלייגן אויפ'ן ציבור, צו מאכן אן עקסטערע מסיבה פאר די דארטיגע מוסדות. דער עולם דא טראגט דאך שוין א שווערן עול אויסצוהאלטן די היזיגע מוסדות, און יעדער ווייסט דאך ווי שטארק מען דארף די היזיגע מוסדות, און וואס פאר א גרויסע הוצאות עס פעלט זיך אויס דערצו. דעריבער איז מיר אלעמאל שווער געווען מטריח צו זיין דעם ציבור נאכאמאל (צו מאכן אן עקסטערן דינער פאר מוסדות יטב לב), ובפרט אז מען איז דאך באשטערנגט מיט אנדערע מיני צדקות וואס מען דארף פאר דעם געבן, דעריבער איז מיר שווער געווען זיך מתעסק צו זיין, און משתדל צו זיין צו מאכן אן עקסטערע מסיבה פאר די מוסדות אין ארץ ישראל, ובפרט איצט ווען איך גרייט מיך צו פארן קיין ארץ ישראל (איז נאך שווערער געווען די צייט צו פאררופן דעם דינער).

"אבער דער הכרח צווינגט מיך, ווייל דאס געברויך איז זייער גרויס, און מען קען עס שווער איבערטראגן. מען דארף יעדן חודש שיקן פון דאנעט אסאך אסאך טויזענטער דאלארן.

"יעדער ווייסט דאך ווי אזוי מען קוקט אויף אונז אינדרויסן. די דרויסנדע וועלט גלייכט אונז נישט, און מען מוז

זיך נאכאמאל ווענדן דייקא צו די ביסל אידן (אנשי שלומינו), און צו בעטן פון זיי זייער תמיכה. וואס זאל מען טון, מ'קען נישט שטעקן בלייבן וכו'.

"עס איז דא דארט בליעה"ר א גרויס ווירטשאפט און דער געברויך איז זייער גרויס. ווער עס וועט געבן זיין נדבה פאר די מוסדות, שטייט דאך שוין ביי דעם "מצוה גוררת מצוה". און טראץ וואס עס איז טאקע אזוי שווער, ווי איך האב דערמאנט, דאך האב איך מיך בארעכנט אז איך מוז דאס טון, וההכרח לא יגונה, נאר השי"ת זאל העלפן אז אידן זאלן האבן א גרויסע השפעה, און זאלן קענען געבן געלט אלס מער און מער.

אט דאס איז געווען דער בליק פון דעם רועה נאמן לעדתו. דער עולם איז טאקע באלעסטיגט, בדרך הטבע קען מען פון די אויסגעמאטערטע אידן גארנישט באקומען. אבער, "יטב לב איז א הכרח" דאס קען מען בשום אופן נישט לאזן פאלן, און דייקא פון די אידן דארף מען ווידעראמאל בעטן און בעטן.

## אין אדם עומד על דעת רבו עד ארבעים שנה

כהיום יום האלט מען שוין נישט בלויז פערציג יאר, נאר מיט אריבער פופציג יאר שפעטער. עס איז שוין זומער תשע"א, און עס איז שוין זיכער א זמן ווען מען קען כאפן א בליק אויף צוריק צו פארשטיין מה עמקו מחשבותיו פון דעם צדיק.

עס איז היינט בלי שום צל של ספק, אז די אלע אידן וואס האבן אויסגעפירט רצון קדשו פונעם רבי'ן זי"ע, און טראץ וואס מען איז אליינס געווען אזוי אנגעשטרענגט מיט גרויסע הוצאות, האט מען געהאלטן "יטב לב" אלס דער ערשטער מוסד וואס מען דארף שטיצן, די אלע האבן דערויף קיין חרטה געהאט...

עס ליגט אונז נאך אין זכרון די דברות קודש וואס מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע האט משמיע געווען ביי א דינער להחזקת מוסדותינו הק', ביי וועלכן דער רבי זצ"ל האט מאריך געווען איבער דעם גרויסן כח וואס דער פעטער רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע האט געהאט. האט ער צווישן אנדערן ספעציעל ארויסגעברענגט אז דער פעטער זי"ע האט געהאט א ספעציעלן כח אהערצושטעלן אייגענע בעלי בתים וואס זאלן שטיצן זיינע מוסדות. (די ווערטער במילואו איז געדרוקט אינעם ספר "ומשה הי' רועה ח"ד).

און אז מיר זעען אין די דערמאנטע דברות קודש די אויסטערלישע שוועריגקייטן מיט וואס דער רבי זי"ע האט זיך געמוטשעט אין די ערשטע יארן, פארשטייט זיך גאנץ פשוט פארוואס עס האט זיך אויסגעפעלט פאר'ן רבי'ן צו מאכן אייגענע עשירים...

וואס עס איז אבער אמאל קלאר, אז שטיצן מוסדות יטב לב איז געווען ביים רבי'ן זי"ע א יסודות'דיגע שטיצע וואס ער האט פארלאנגט פון אלע סרים למשמעתו אז זיי זאלן זיך אנשליסן דערין, און דאקעגן האבן די תומכי מוסדותינו זוכה געווען דערנאך צו א געוואלדיגע השפעה משמי מעל וואס האט זיי באגלייט אויף שטענדיג.

מען האט דאס כסדר געזען ביים רבי'ן זי"ע ווי פון איין זייט האט ער געמאנט און געפאדערט אז מען זאל שטיצן זיינע מוסדות אין ארץ ישראל, אבער פון די אנדערע זייט האט ער געהאלטן אז זיינע ארץ ישראל'דיגע מוסדות איז דער מקור הברכה פון וואס אנשי שלומו געניסן בכל מיני ההשפעות.

ביי אנ"ש איז גוט באקאנט פון פארשידענע פעלער וואס אידן זענען געקומען בעטן אויף גרויסע ישועות, און דער רבי זי"ע האט זיי געזאגט, אז זייער ארט איז ביי "מוסדות יטב לב" דורך וועלכע זיי וועלן זיכער קענען געהאלפן ווערן.

ביז צום היינטיגן טאג איז טאקע באקאנט ביי אנ"ש תלמידי וחסידי סאטמאר, אז ביי סיי וועלכע ישועה מען נויטיגט זיך, אנגעהויבן ביי שליסן א גרויסן געשעפט וואס פאראנקערט זיך, און געענדיגט איידער מען דארף פארשטיין פאר א ריכטער איבער א "פארקינג טיקעט" און אלע אלע סארט ישועות אינדערצווישן, איז אלץ מוסדות "יטב לב" דאס ארט צו וועמען מען ווענדט זיך מיט א שיינע נתינה, וחזקה על צדקה זו שאינו חוזרות ריקם... אומצאליגע אידן האבן צו דערציילן אפענע "בדידי הוה עובדא" מעשיות, ווי אזוי זענען געהאלפן געווארן מיט אויסטערלישע ישועות בזכות החזקת מוסדות יטב לב.

און אז די מוסדות זענען באגלייט מיט די הייליגע סגולה פון "אלקא דמאיר עננו" און דערצו מיט די טאפעלטע סגולה פון זכות הצדיקים, דער מייסד המוסדות רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע ולאחריו רביה"ק בעל ברך משה זי"ע, איז דען א וואונדער אז עס העלפט?....

יא, קומענדיגן זונטיג פרשת כי תצא, כ"ה אייר, וועלן תלמידי וחסידי סאטמאר זיך צונויפקומען צו א " דינער פאר די הייליגע מוסדות" מען וועט ווייטער אויספירן רצון קדשו פון רבי'ן זי"ע, אז אפגעזען פון אנדערע גרויסע הוצאות וואס מען האט, זאל מען מקדים זיין די צדקה פאר "מוסדות יטב לב", און אז מיר וועלן זיך געפונען ביים דינער, וועלן מיר אלע זיכער אהיימנעמען פון דארט א סל מלא ברכות, הויפענס מיט ישועות און השפעות וואס נאר אזא מוסד ווי יטב לב, איז אומשטאנד צו געבן פאר אירע שטיצער.

ליינט מיט שפאנונג אין די קומענדיגע גליונות פארשידענע סיפורי נפלאות פון אידן וואס זענען געהאלפן געווארן בזכות החזקת מוסדות יטב לב.

**והריקותי לכם**
**ברכה עד בלי די!**

ב"ה



יזכור לנו

אהבת איתן

אדונינו

# דער הייליגער ברען

ווי אזוי

## מרן רביה"ק בעל ההילולא זי"ע

פלעגט זיצן ביי "יטב לב" דינער'ס

# לא ימוש מאתנו ומזרעינו עד עולם

## לאמיר זיך פארנעמען אין דעם טאג
## צו מחזק זיין משאת נפשו די הייליגע מוסדות אין ירושלים

מוסדות יטב לב

דרבינו יואל

מסאטמאר

נתייסד ע"י כ"ק מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע

בהמשכת כ"ק מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

עיה"ק ירושלים תובב"א

# דינער השנתי

יום א' כי תצא • ו' אלול תשע"א

עטרת שלום • ירושלים תובב"א

**משה טייטלבוים**

דומ"ץ דק"ק

**קהל יטב לב ד'סאטמאר**

פעיה"ק **ירושלים** תובב"א

**MOISHE TEITELBAUM**

Dayan Of Kehilas Satmar, Jerusalem

Rechov Elkonoh 5
Jerusalem, E, Israel
Tel, 02-537-6168


ער"ח אלול תש"ע לפ"ק
לסדר "כי בו בחר ה"א מכל שבטיך"

**הריני** בזה בשבח המגיע בכתבים למען מוסדותינו הק׳ "יטב לב" פעיה"ק ת"ו, אשר הקימו זה כמה שנים וגדלו והצליחו ועשו פרי, וגודלים ב"ה מיום ליום, וממש אפשר להגיד עליהם הכתוב "כי בו בחר ד׳ אלקיך", הן בילדי הת"ת אשר חן יראת שמים על פניהם, וניכר בהם כח רב עמל ויגיעה אשר מלמדי הת"ת, ועל צבאם מנהלה הרוחני, משקיעים בהם.

**והן** בחורי הישיבה קטנה אשר זה השנה הרביעית, וב"ה סיימו כבר כמה בחורים לימודם בהישיבה, ושמם הולך לפניהם לכל אתר דמשתלחין בתורה הק׳ אשר קנו בישיבתינו, בצירוף יראת ה׳ על פניהם עפ"י דרך המסורה לנו ע"י איתן אדונינו מרן בעל דברי יואל זי"ע, אשר יסד המוסדות כאן בירושלים עיה"ק, תיכף כאשר הצילו הקב"ה ברוב רחמיו וחסדיו הגדולים מגי ההריגה רח"ל.

**וידוע** דברי רבינו מרן בעל ברך משה זי"ע שמוסדותינו פעיה"ק להם משפט הבכורה, שנוסדו לראשונה אחר החורבן הנורא. וב"ה מתנהלת עד עתה תחת פיקוחו והדרכתו של כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א, אשר מאיר לנו בעמוד אש לילה בימים חשוכים אלו להאיר לנו עד ביאת הגואל.

**ע"כ** בוודאי מצוה רבה וזכות גדולה לכל מי שהיכולת בידו לעמוד לימינם ולתמוך במדת האפשר.

**ודבר** פשוט הוא לבני קהילתינו הע"י שחובה מוטלת עלינו מכח מצות "ושננתם לבניך" מתקנת רבי יהושע בן גמלא להעמיד מלמדי תינוקות בכל עיר ועיר, לעשות אפילו ביותר מכדי היכולת להיות עושה ומעשה כדי שהמוסדות יהיה להם היכולת להמשיך להוציא פירות להשקות את האילן שפירותיו יהיו מתוקין וכל נטיעות שנוטעין ממנו יהיה כמותו. ונצטרך לזה הון תועפות וההוצאות גדולות מיום ליום.

**בוודאי** לרגל הדינער השנתי, שתתקיים אי"ה ביום ו׳ אלול הבעל"ט יומא דהילולא דמרן בעל ייטב לב זיעועכי"א, יתמוך כ"א במדת האפשרי למען הצלחת המעמד לקדש שם שמים, ובפרט כאשר עיניהם של המלמדי תינוקות צופיות לקבל לחם חוקם כדי לפרנס משפחותיהם שיוכלו לעשות מלאכתם באמונה.

**ובזכות** אבותינו ורבותינו הקדושים נבג"מ נזכה ונקיים ללכת בדרכיהם על פי התורה אשר יורוך, לא תסור ימין ושמאל, אכיה"ר.

משה טייטלבוים

משה טייטלבוים